# אפליקאציע צו טוישן די דשענדער צייכן אויף א ניו יארק סיטי געבורט סערטיפיקאט

נוצט דעם בויגן צו טוישן אדער נאר די דשענדער צייכן אדער ביידע די דשענדער צייכן און נאמען אויף א ניו יארק סיטי (NYC) געבורט סערטיפיקאט. באזוכט nyc.gov/vitalrecords צו וויסן ווי לאנג עס נעמט צו ווערן גרייט, וואו עס האלט אינעם פראצעדור און סיי וועלכע אנדערע אינפארמאציע.

ביטע שרייבט קלאר און פילט אויס דאס מערסטע אינפארמאציע וואס איר קענט אין ענגליש.)
איבערזעצונגען פון דעם בויגן זענען דא אנליין בלויז אויף צו איבערקוקן - ביטע פילט אויס די ענגלישע בויגן אין ענגליש.)

## ווער קען זיך איינגעבן פאר א טויש אין דשענדער צייכן?

- איר מוזט זיין די מענטש וועמענ(ס) נאמען שטייט אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט און צום ווייניגסטנס 18 יאר אלט, אדער די עלטערן אדער לעגאלע גארדיען פון דער מענטש וועמענס נאמען שטייט אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט אויב דער מענטש איז אונטער 18 יאר.
  די מענטש וועמענס נאמען שטייט אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט מוז האבן געבוירן אין די פינף באראס פון ניו יארק סיטי (Bronx ،Brooklyn ،Manhattan ،Queens ،Staten Island).
- די אפליקאציע איז פאר מענטשן וועלכע אידענטיפיצירן זיך נישט מיט די דשענדער וואס מען האט זיי פארשריבן ביים געבוירן אדער וואס ווילן נישט זיין אין א געוויסע דשענדער אידענטיטעט.
- נעמט אין אכט אז אויב דער שפיטאל האט געמאכט א גרייז מיט די דשענדער וואס שטייט אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט ביים צייט פון געבוירן, זאלט איר נישט אויספילן דעם בויגן. אנשטאט דעם, זאלט איר אויספילן די אפליקאציע פאר די פארריכטונג פון א NYC געבורט סערטיפיקאט אויף on.nyc.gov/birthcertcorrect.

## וויאזוי מאך איך א טויש אינעם דשענדער צייכן?

- הייבט אן מיטן גיין צו בלאט 2 פון דעם בויגן און טרעפן די סארט טויש אין דשענדער צייכן וואס איר ווילט מאכן.
- געוואנדן אין די סארט טויש אין דשענדער צייכן וואס איר ווילט מאכן, גייט אדער צו טאוול A אדער טאוול B.
- ליינט פארזיכטיג די טאוול'ס אנווייזונגען איבער די סארט דאקומענטן וואס איר דארפט איינגעבן מיט אייער אפליקאציע.
- נעמט צוזאם די נויטיגע דאקומענטן און לייגט זיי צוזאמען מיט אייער אפליקאציע.
- פילט אויס <u>אלע</u> די אינפארמאציע אויף בלעטער 5 ביז 8.
- מאכט זיכער צו אונטערשרייבן און שרייבן די דאטום אויף בלאט 7 און נאטאריזירן בלאט 8.
- איר מוזט איינגעבן א יעצטיגע (נישט אויסגעלאפענע) און אונטערגעשריבענע בילד אידענטיפיקאציע (ID). אויב דער אפליקאנט איז אונטער 18 יאר אלט און די נעמען פון ביידע עלטערן זענען אויף די געבורט סערטיפיקאט, מוזן ביידע עלטערן אונטערשרייבן די אפליקאציע און איינגעבן קאפיעס פון די בילדער פון זייער נישט-אויסגעלאפענע און אונטערגעשריבענע ID'ס. מיר נעמען אן קאפיעס פון ID'ס סיי פונעם אפליקאנט און סיי פון די עלטערן מיט אפליקאציעס געשיקט אויף פאסט. קאפיעס מוזן זיין קלאר און האבן ביידע זייטן פון די ID. פאר א ליסטע פון בארעכטיגטע ID'ס, באזוכט nyc.gov/health און זוכט פאר געבורט און טויט רעקארס נויטיגע דאקומענטן, דערנאך קוקט איבער די 'באווייז פון אידענטיטעט' אויסוואל.

## נויטיגע דאקומענטן

- איר מוז איינשיקן אריגינעלע דאקומענטן. נאטאריזירטע קאפיעס, קאפיעס אדער געטוישטע דאקומענטן קענען נישט ווערן אנגענומען.
- אויב איר טוישט די נאמען אויף אייער געבורט סערטיפיקאט, מוז די אריגינעלע סערטיפייד לעגאלע נאמען טויש גערעכט באפעל אריינרעכענען די פאלגנדע: פולע נאמען ביים געבוירן (אריגינעלע נאמען), געבורט דאטום, געבורטספלאץ און סערטיפיקאט נומער. אויב די גערעכט באפעל ענטהאלט נישט די פיר אידענטיפיצירער, דאן געבט אריין די אריגינעלע נאמען טויש פעטיציע צום גערעכט. אויב די טויש צום געבורט סערטיפיקאט איז פאר איינער אונטער 18 יאר אלט, מוז די סערטיפייד לעגאלע נאמען טויש גערעכט באפעל ענטהאלטן די פולע נאמען פון די עלטערן אויף די געבורט סערטיפיקאט.
- אויב איר וואלט געוואלט באקומען א בריוו פון עקזעמפּליפיקעישן מיט אייער געטוישטע געבורט סערטיפיקאט, וועלט אויס 'יא' אין טייל דריי אויף בלאט 6.
- איר דארפט נאר נאטאריזירן איין בלאט אין די אפליקאציע - זעט בלאט 8.
- שרייבט די אריגינעלע לעגאלע גארדיענשיפ גערעכט באפעל, אויב איר זענט די לעגאלע גארדיען.

## אפצאלן: וויפיל קאסט עס צו מאכן א טויש?

די ניו יארק סיטי דעפארטמענט אוו העלט און גייסטישע היגיענע (NYC Health Department) רעכנט א **$40 פראצעסירונג אפצאל**, אין צוגאב צו $15 פאר יעדע קאפיע פון א נייע סערטיפיקאט, געלט וואס מען קען נישט צוריקבאקומען. מען קען באשטעלן נישט מער פון דריי קאפיעס.

**שיקט אלע נויטיגע דאקומענטן און געלט (טשעק אדער מאני ארדער) אויף פאסט צו:**

NYC Department of Health and Mental Hygiene Corrections Unit • <u>Attention: Group A</u>
125 Worth Street • Room 144 • CN-4 • New York, NY 10013

פאר פראגעס מיט וויאזוי צו אויספילן די אפליקאציע, שיקט אן אימעיל צו tgnyc@health.nyc.gov.

## וואס וואלט איר געוואלט בעטן?
## זעט וואס איר דארפט אריינגעבן לויט די פאלגנדע טאוולען.

| | סארט טויש וואס איר בעט | וואס זאל איך אריינגעבן? |
|---|---|---|
| 1 | איך בין 18 יאר אלט אדער העכער און וויל טוישן סיי די דשענדער צייכן און נאמען אויף מיין געבורט סערטיפיקאט. | זעט טאוול A. |
| 2 | איך בין 18 יאר אלט אדער העכער און וויל טוישן **נאר** די דשענדער צייכן אויף מיין געבורט סערטיפיקאט. | זעט טאוול A. |
| 3 | איך בין די עלטערן אדער לעגאלע גארדיען פון א מינדעריעריגער קינד (אונטער 18 יאר אלט) און וויל טוישן סיי די דשענדער צייכן און נאמען אויף זייער געבורט סערטיפיקאט. | זעט טאוול B. |
| 4 | איך בין די עלטערן אדער לעגאלע גארדיען פון א מינדעריעריגער קינד (אונטער 18 יאר אלט) און וויל טוישן **נאר** די דשענדער צייכן אויף זייער געבורט סערטיפיקאט. | זעט טאוול B. |

אויב איר בעט א פאררעכטונג אדער טויש צו אייער געבורט סערטיפיקאט וואס שטייט **נישט** אויסגערעכנט אויבן, מוזט איר אויך אויספילן די אפליקאציע פאר דאס פאררעכטונג פון א NYC געבורט סערטיפיקאט - געפונט דאס בויגן אויף on.nyc.gov/birthcertcorrect. איר מוזט שיקןביידע אפליקאציעס אויף פאסט צוזאמען. די $40 אפליקאציע אפצאל וואס מען קען נישט צוריקבאקומען ווערט איין מאל גערעכנט און עס דעקט אלעס וואס איר ווילט טוישן אויף איין אדער ביידע בויגענס.

נעמט אין אכט אז אויב דער שפיטאל האט געמאכט א גרייז מיט די דשענדער וואס שטייט אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט ביים צייט פון געבוירן, זאלט איר נישט אויספילן דעם בויגן. אנשטאט דעם, זאלט איר אויספילן די אפליקאציע פאר דאס פאררעכטונג פון א NYC געבורט סערטיפיקאט אויף on.nyc.gov/birthcertcorrect.

## טאוול A. אן ערוואקסענע וואס טוישט די דשענדער צייכן און/אדער נאמען אויף זייער געבורט סערטיפיקאט

| נומער | לייבט א צייכן (✔) אויף דאס וואס איז גילטיג פאר אייך. (בלויז פאר אייער באנוץ.) | איך בין דער | איך וויל | וואס דארף איך טון? |
|---|---|---|---|---|
| 1 | ☐ | מענטש וועמענס נאמען שטייט אויפ'ן סערטיפיקאט און 18 יאר אלט און העכער | טוישן די דשענדער צייכן אויף מיין געבורט סערטיפיקאט און לעגאל טוישן מיין נאמען | • פילט אויס אפטיילונגען איינס, צוויי, דריי, פיר און זעקס פון דעם אפליקאציע - זעט בלעטער 5 ביז 8.<br>• געבט אריין די גילטיגע אפצאלן - זעט בלאט 8.<br>• שרייבט אונטער בלאט 7 און נאטאריזירט בלאט 8.<br>• שיקט אריין א קאפיע פון גילטיגע אונטערגעשריבענע בילדער ID.<br>• באקומט א סערטיפייד לעגאלע נאמען טויש געריכט באפעל. אויב איר וואוינט אין ניו יארק סיטי, מוזט איר גיין אין ציווילע געריכט און בעטן א לעגאלע נאמען טויש. אויב איר וואוינט אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, דאן גייט צו די פאסיגע געריכט אין אייער געגנט און בעט א לעגאלע נאמען טויש. די סערטיפייד לעגאלע נאמען טויש געריכט באפעל מוז אריינרעכענען די פולע נאמען ביים געבוירן, געבורט דאטום, געבורטספלאץ און סערטיפיקאט נומער.<br>• די נעמען און געבורט דאטום אויף די דאקומענטן וואס איר געבט אריין מוז זיין די זעלבע ווי די אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט און בילדער ID. אויב די נעמען זענען אנדערש, מוזט איר אריינגעבן נאך דאקומענטן צו ווייזן וויאזוי די נאמען איז געטוישט געווארן. |
| 2 | ☐ | מענטש וועמענס נאמען שטייט אויפ'ן סערטיפיקאט און 18 יאר אלט און העכער | טוישן **נאר** די דשענדער צייכן אויף מיין געבורט סערטיפיקאט | • פילט אויס אפטיילונגען איינס, צוויי, דריי, פיר און זעקס פון דעם אפליקאציע - זעט בלעטער 5 ביז 8.<br>• באצאלט די געלט וואס איז שייך - זעט בלאט 8.<br>• שרייבט אונטער בלאט 7 און נאטאריזירט בלאט 8.<br>• שיקט אריין א קאפיע פון גילטיגע בילדער ID.<br>• די נעמען און געבורט דאטום אויף די דאקומענטן וואס איר געבט אריין מוז זיין די זעלבע ווי די אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט און בילדער ID. אויב די נעמען זענען אנדערש, מוזט איר אריינגעבן נאך דאקומענטן צו ווייזן וויאזוי די נאמען איז געטוישט געווארן. |

## טאוול B.  עלטערן אדער לעגאלע גארדיען וואס טוישט די דשענדער צייכן און/אדער נאמען אויף זייער קינד'ס געבורט סערטיפיקאט

| נומער | לייבט א צייכן (✔) אויף דאס וואס איז גילטיג פאר אייך. (בלויז פאר אייער באנוץ.) | איך בין דער | איך וויל | וואס דארף איך טון? |
|---|---|---|---|---|
| 1 | ☐ | עלטערן אדער לעגאלע גארדיען פון א מינדעריעריגער קינד (אונטער 18 יאר אלט) וואס שטייט אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט | טוישן די דשענדער צייכן אויף מיין קינד'ס געבורט סערטיפיקאט און לעגאל טוישן זייער נאמען | • פילט אויס אפטיילונגען איינס, צוויי, דריי, פינף און זעקס פון דעם אפליקאציע - זעט בלעטער 5 ביז 8.<br>• געבט אריין די גילטיגע אפצאלן - זעט בלאט 8.<br>• שרייבט אונטער בלאט 7 און נאטאריזירט בלאט 8. אויב ביידע עלטערן זענען אויסגערעכנט אויף די געבורט סערטיפיקאט, מוזן זיי ביידע אונטערשרייבן.*<br>• שיקט אריין קאפיעס פון גילטיגע אונטערגעשריבענע בילדער ID'ס פון די עלטערן אדער לעגאלע גארדיען.<br>• געבט אריין די אריגינעלע לעגאלע גארדיענשיפ געריכט באפעל, <u>אויב איר זענט דער לעגאלע גארדיען</u>.<br>• באקומט א סערטיפייד לעגאלע נאמען טויש געריכט באפעל. אויב איר וואוינט אין ניו יארק סיטי, מוזט איר גיין אין ציווילע געריכט און בעטן א לעגאלע נאמען טויש. אויב איר וואוינט אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, דאן גייט צו די פאסיגע געריכט אין אייער געגנט און בעט א לעגאלע נאמען טויש. די סערטיפייד לעגאלע נאמען טויש געריכט באפעל מוז אריינרעכענען די פולע נאמען ביים געבוירן, געבורט דאטום, געבורטספלאץ, נאמען (נעמען) פון עלטערן אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט און סערטיפיקאט נומער.<br>• די נעמען און געבורט דאטום אויף די דאקומענטן וואס איר געבט אריין מוז זיין די זעלבע ווי די אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט און בילדער ID. אויב די נעמען זענען אנדערש, מוזט איר אריינגעבן נאך דאקומענטן צו ווייזן וויאזוי די נאמען איז געטוישט געווארן. |
| 2 | ☐ | עלטערן אדער לעגאלע גארדיען פון א מינדעריעריגער קינד (אונטער 18 יאר אלט) וואס שטייט אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט | טוישן **נאר** די דשענדער צייכן אויף מיין קינד'ס געבורט סערטיפיקאט | • פילט אויס אפטיילונגען איינס, צוויי, דריי, פינף און זעקס פון דעם אפליקאציע - זעט בלעטער 5 ביז 8.<br>• געבט אריין די גילטיגע אפצאלן - זעט בלאט 8.<br>• שרייבט אונטער בלאט 7 און נאטאריזירט בלאט 8. אויב ביידע עלטערן זענען אויסגערעכנט אויף די געבורט סערטיפיקאט, מוזן זיי ביידע אונטערשרייבן.*<br>• שיקט אריין קאפיעס פון גילטיגע אונטערגעשריבענע בילדער ID'ס פון די עלטערן אדער לעגאלע גארדיען.<br>• געבט אריין די אריגינעלע לעגאלע גארדיענשיפ געריכט באפעל, <u>אויב איר זענט דער לעגאלע גארדיען</u>.<br>• די נעמען און געבורט דאטום אויף די דאקומענטן וואס איר געבט אריין מוז זיין די זעלבע ווי די אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט און בילדער ID. אויב די נעמען זענען אנדערש, מוזט איר אריינגעבן נאך דאקומענטן צו ווייזן וויאזוי די נאמען איז געטוישט געווארן. |

***וואס צו טון אויב דער אנדערע עלטערן לעבט שוין נישט אדער קען נישט אונטערשרייבן:**

- אויב דער אנדערע עלטערן לעבט, מוזט איר באקומען אן אריגינעלע געריכט באפעל צו ערלויבן נאר איין עלטערן צו אונטערשרייבן פאר דער איינשרייבער.
- אויב דער אנדערע עלטערן איז געשטארבן אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, געבט אריין אן אריגינעלע קאפיע פון זייער טויט סערטיפיקאט.
- אויב דער אנדערע עלטערן איז געשטארבן אין ניו יארק סיטי (Staten Island, Bronx, Brooklyn, Queens, Manhattan), געבט אריין א קאפיע פון זייער ניו יארק סיטי טויט סערטיפיקאט.

## אפטיילונג איינס וואס איז אייער נאמען?

**נעמט אין אכט אז איר מוז זיין כאטש 18 יאר אלט. שרייבט קלאר און נוצט נאר שווארצע טינט. נוצט דער נאמען וואס שטייט יעצט אויף אייער ID.**

| ערשטע נאמען | מיטלסטע נאמען | לעצטע נאמען |
|---|---|---|
| | | |

| פאסט אדרעס | אפארטמענט נומער |
|---|---|
| | |

| סיטי | סטעיט | זיפ קאוד |
|---|---|---|
| | |

| הויפט טעלעפאן נומער | צווייטער טעלעפאן נומער | אימעיל אדרעס |
|---|---|---|
| | | |

פארבינדונג צום אפליקאנט: ☐ זיך אליינס ☐ מאמע/עלטערן ☐ טאטע/עלטערן ☐ לעגאלע גארדיען

הייראט פארטנערשיפ סטאטוס: ☐ אליינס/קיינמאל נישט געהייראט ☐ פארהייראט ☐ אפגעטיילט ☐ געג'עט ☐ אלמן/אלמנה
☐ רעגיסטרירטער דאמעסטישע פארטנערשיפ

## אפטיילונג צוויי: געבורט סערטיפיקאט אינפארמאציע

**פאר דעם אפטיילונג, שרייבט וואס עס שטייט אויף'ן געבורט סערטיפיקאט וואס איר ווילט פאררעכטן.**

געבורט סערטיפיקאט נומער (לאזט ליידיג אויב איר ווייסט נישט): 1 5 6 — ☐☐ — ☐☐☐☐☐☐

נאמען אויף'ן געבורט סערטיפיקאט אזוויו עס שטייט **יעצט**:

| ערשטע נאמען | מיטלסטע נאמען | לעצטע נאמען |
|---|---|---|
| | | |

געבורט דאטום וואס שטייט אויף'ן געבורט סערטיפיקאט (יאר/טאג/מאנאט): ☐☐ / ☐☐ / ☐☐☐☐

דשענדער אויף'ן געבורט סערטיפיקאט אזוויו עס שטייט יעצט: ☐ מאן ☐ פרוי ☐ X*

*X מיינט א דשענדער וואס איז נישט דווקא מאן אדער פרוי (א נישט ביינערי דשענדער אידענטיטעט).

מאמע'ס נאמען פון שטוב (מעידען נאמען) אויף'ן געבורט סערטיפיקאט אזוויו עס שטייט יעצט:

| ערשטע נאמען | לעצטע נאמען |
|---|---|
| | |

געבורטספלאץ אויף'ן געבורט סערטיפיקאט אזוויו עס שטייט יעצט (לאזט ליידיג אויב איר ווייסט נישט):

| נאמען פון שפיטאל, געבורן צענטער אדער, אויב אינדערהיים, גאס אדרעס, סיטי, סטעיט, זיפ קאוד |
|---|
| |

## אפטיילונג דריי: וואס ווילט איר טוישן?

נוצט איין ליניע פאר יעדע זאך וואס איר ווילט פארריכטן. מיר קענען נישט אננעמען א בויגן וואס ווערטער וואס זענען אויסגעקראצט מיט א פענע אדער מיט ווייט-אוט. אויב איר מאכט א גרייז, דאן נוצט א נייע אפליקאציע בויגן.

דארפט איר א באווייז פון עקזעמפליפיקאציע? (עס קאסט נישט מער געלט.) ☐ יא ☐ ניין

| וואס ווילט איר טוישן? | וואס שטייט יעצט אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט? | וואס זאל שטיין אויפ'ן געבורט רעקארד? |
|---|---|---|
| ביישפיל: דשענדער צייכן | ביישפיל: מאן | ביישפיל: פרוי |
| ביישפיל: ערשטע נאמען | ביישפיל: Michael | ביישפיל: Jane |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |

**נוצט נישט קיין ווייט-אויט און קראצט נישט אויס קיין אינפארמאציע.**

## אפטיילונג פיר: שרייבט אונטער אייער אפליקאציע

שרייבט קלאר אייער פולע נאמען אונטן אויב איר פילט אליינס אויס די אפליקאציע אין אייער נאמען און איר זענט 18 יאר אלט אדער העכער. אויב איר האט נישט לעגאל געטוישט אייער נאמען, דאן נוצט די נאמען אזוי ווי עס שטייט אויף אייער געבורט סערטיפיקאט (ערשטע, מיטלסטע און לעצטע נאמען). אויב איר האט לעגאל געטוישט אייער נאמען, דאן שרייבט די נאמען וואס שטייט אויפ'ן געריכט באפעל.

איך, ______________________________, באשטעטיג דא אונטער שטראף פון שווערן פאלש אז די פארלאנג צו
ערשטע, מיטלסטע און לעצטע נאמען

טויש די דשענדער צייכן אויף מיין געבורט סערטיפיקאט פון ______________ צו ______________
מאן, פרוי אדער X* / מאן, פרוי אדער X*

איז צו אפשפיגלען מיין ריכטיגע דשענדער אידענטיטעט און איז נישט פאר אומגעזעצליכע צוועקן.

X* מיינט א דשענדער וואס איז נישט דווקא מאן אדער פרוי (א נישט ביינערי דשענדער אידענטיטעט).

**איר מוזט אונטערשרייבן אונטן (אויב איר זענט 18 יאר אלט און העכער און בעט דעם פארריכטונג פון אייער אייגענע געבורט סערטיפיקאט):**

| אונטערשריפט פון מענטש וואס פילט אויס דעם אפליקאציע | דאטום |
|---|---|
| | |

**אויב איר האט אויסגעפילט אפטיילונג פיר, דאן היפט איבער אפטיילונג פינף און גייט צו אפטיילונג זעקס.**

## אפטיילונג פינף: עלטערן אדער לעגאלע גארדיען שרייבן אונטער דעם אפליקאציע פון א מינדעריעריגער קינד אונטער 18 יאר אלט

שרייבט קלאר די פולע נאמען/נעמען (ערשטע, מיטלסטע און לעצטע נאמען) פון די עלטערן וואס שטייען אויפ'ן קינד'ס געבורט סערטיפיקאט. אויב דער אפליקאציע ווערט אויסגעפילט דורך דאס קינד'ס לעגאלע גארדיען, דאן שרייבט קלאר די נעמען וואס שטייען אויף די לעגאלע גארדיענשיפ געריכט באפעל. אויב איר טוישט אויף דאס קינד'ס נאמען, דאן שרייבט קלאר די פולע נאמען/נעמען פון די עלטערן אדער לעגאלע גארדיען אזוי ווי עס שטייט אויף די לעגאלע נאמען טויש געריכט באפעל. אויב ביידע עלטערן זענען אויסגערעכנט אויף די געבורט סערטיפיקאט, מוזן ביידע עלטערן אונטערשרייבן דעם אפליקאציע.

איך, ______________________________ און ______________________________, באשטעטיג דא אונטער שטראף פון
ערשטע, מיטלסטע און לעצטע נאמען פון מאמע/עלטערן אדער לעגאלע גארדיען / ערשטע, מיטלסטע און לעצטע נאמען פון טאטע/עלטערן אדער לעגאלע גארדיען

שווערן פאלש אז די פארלאנג צו טויש די דשענדער צייכן אויף מיין קינד'ס געבורט סערטיפיקאט פון ______________
מאן, פרוי אדער X*

צו ______________ איז צו אפשפיגלען זייער ריכטיגע דשענדער אידענטיטעט און איז נישט פאר אומגעזעצליכע צוועקן.
מאן, פרוי אדער X*

X* מיינט א דשענדער וואס איז נישט דווקא מאן אדער פרוי (א נישט ביינערי דשענדער אידענטיטעט).

**עלטערן אדער לעגאלע גארדיען אויסגערעכנט אויבן מוז אונטערשרייבן אונטן:**

| אונטערשריפט פון מאמע/עלטערן אדער לעגאלע גארדיען | דאטום |
|---|---|
| | |
| אונטערשריפט פון טאטע/עלטערן אדער לעגאלע גארדיען | דאטום |
| | |

**גייט צו אפטיילונג זעקס.**

## אפטיילונג זעקס: נאטאריזירט אייער אפליקאציע

**די אפליקאציע מוז ווערן נאטאריזירט אויף דעם בלאט.**

| צו ווערן פארענדיגט דורך נאטערי. | נאטערי פובליק זיגל |
| --- | --- |
| סטעיט פון ______________________ | |
| קאונטי פון ______________________ | |
| געשריבן און געשוואוירן פאר מיר: | |
| דעם _________ טאג פון _________, 20 _________ | |
| ______________________ נאטערי פובליק אונטערשריפט | |

**ווארענונג! קיינער זאל נישט מאכן קיין פאלשע, נישט אמת'ע אדער פארפירנדע באשטעטיגונג אדער פעלשן אן אונטערשריפט פון א צווייטן אויף אן אפליקאציע וואס איז פארלאנגט צו ווערן צוגעגרייט אין איינקלאנג מיט די ניו יארק סיטי העלט קאוד. א פארלעצונג פונעם העלט קאוד קען ווערן באשטראפט אלס א מיסדימינער (NYC העלט קאוד 3.19). ארייננגעבן פאלשע אידענטיפיקאציע איז א פארברעכן און פארלעצער קענען ווערן באשטראפט.**

---

### אפצאלן און וויאזוי ארייינצוגעבן אייער אפליקאציע

עס איז דא א $40 פראצעסירונג אפצאל צו מאכן די טויש,
אין צוגאב צו $15 פאר יעדע קאפיע פון א נייע סערטיפיקאט, געלט וואס מען קען נישט צוריקבאקומען.

צום ביישפיל, די פרייז פון פאררעכטן א געבורט סערטיפיקאט און בעטן צוויי נייע קאפיעס איז $70:
פראצעסירונג אפצאל = $40 + $30 פאר צוויי סערטיפיקאטן = $70 אלעס צוזאמען.

## רעכנט אויס די פרייז פון אייער פארלאנג

| | |
| --- | --- |
| **פראצעסירונג אפצאל וואס מען קען נישט צוריקבאקומען:** | **$40** |
| צאל פאררעכטענע געבורט סערטיפיקאטן פארלאנגט (צום מערסטנס 3): | ______________ |
| אויסגערעכנט מאל **$15 פאר יעדע פאררעכטענע סערטיפיקאט קומט אויס צו:** | **$**______________ |
| סך הכל סומע בייגעלייגט: | **$**______________ |

ביטע שטעלט אויס אייער טשעק אדער מאני ארדער צו: **NYC Department of Health and Mental Hygiene**. מען קען נישט צאלן מיט קעש. קאסטומער סערוויס איז אווילעבל פערזענליך מיט אן אפוינטמענט. קאסטומערס וועלכע קומען פערזענליך קענען צאלן מיט א קרעדיט אדער דעביט קארטל, טשעק אדער מאני ארדער. צו מאכן אן אפוינטמענט צו קומען פערזענליך, באזוכט [bit.ly/book-certificate-appointment](https://bit.ly/book-certificate-appointment).

שיקט דורך פאסט צו: NYC Department of Health and Mental Hygiene Corrections Unit
Attention: Group A
125 Worth Street, CN-4, Room 144
New York, NY 10013

פאר הילף מיט די אפליקאציע, רופט **311** אדער שיקט אן אימעיל צו tgnyc@health.nyc.gov.